## אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פֿאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פֿײַערדיקער, געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מײַן אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפּורן.
כ'וואַלגער זיך אין דײַן מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט ייִדיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דײַנע טריפֿהנע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פֿאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דײַן שטויב,
טרויעריק ייִדיש לעבן.

חזירישער דאַטש, פֿײַנטלעכער ליאַך,
עמלק גנבֿ, לאַנד פֿון זויפֿן און פֿרעסן.
שלאַברע דעמאָקראַטיע, מיט דײַנע קאַלטע
סימפּאַטיע־קאָמפּרעסן.
אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צעחוצפּהטע וועלט.
צוריק צו מײַן קעראָסין, חלבֿנעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מײַנע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מײַנע שמות, מײַן סוואַרבע,
מײַנע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עבֿרי־טײַטש,
צום דין, צום טיפֿן מיין, צום חובֿ, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פֿרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.



# JACOB GLATSTEIN

## Good Night, World

Good night, wide world,
big stinking world.
Not you but I slam shut the gate.
With a long gabardine,
with a fiery yellow patch,
with a proud stride,
because I want to,
I'm going back to the ghetto.
Wipe away, stamp out every vestige of conversion.
*I roll around in your garbage—*
*praise, praise, praise—*
*hunchbacked Jewish life.*
Damn your dirty culture, world.
*I wallow in your dust*
*even though it's forsaken,*
*sad Jewish life.*

German pig, cutthroat Pole,
Rumania, thief, land of drunkards and gluttons.
Weak-kneed democracy, with your cold
sympathy-compresses.
Good night, electrified arrogant world.
Back to my kerosene, candle shadows,
eternal October, tiny stars,
to my crooked streets, humped lanterns,
my sacred pages, my Bible,
my Gemorra, to my backbreaking
studies, to the bright Yiddish prayerbook,
to law, profundity, duty, justice,—
world, I walk gladly towards quiet ghetto light.

אָ גוטע נאַכט, כ׳גיב דיר, וועלט, צו שטײַער
אַלע מײַנע באַפֿרײַער.
נעם צו די יעזוס־מאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פֿון אונדזער געטױפֿט בלוט.
און איך האָב האָפֿן אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־אײַן טאָג־אויס מײַן וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פֿאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אַמות,
פֿון וואַגנערס געצמוזיק, צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פֿאַרקאָלטנט ייִדיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פֿרייד פֿון קומען.



Good night. I'll make you, world, a gift of
all my liberators.
Take back your Jesus-Marxes, choke on their courage.
Croak over a drop of our christianized blood.
For I have hope, even if He is delaying,
day by day my expectation rises.
Green leaves will yet rustle
on our sapless tree.
I don't need any consolation.
I'm going back to my very beginnings,
from Wagner's pagan music to melody, to humming.
I kiss you, disheveled Jewish life,
I cry with the joy of coming back.

*August 1938*

## GOOD NIGHT, WIDE WORLD

Good night, wide world
Big stinking world!
Not you but I slam shut the door.
With my long gabardine,
My fiery, yellow patch,
With head erect,
And at my sole command,
I go back into the ghetto.





Wipe off all markings of apostasy!
I roll my body in your grime;
Glory, glory, glory to you,
Crippled Jewish life!
I cast out all your unclean cultures, world!
Though all has been laid waste,
I burrow in your dust,
Sorrowing Jewish life.

Swinish German, hostile Polack,
Thievish Amalekite—land of swill and guzzle,
Slobbering democracy,
With your cold compress of sympathy,
Good night, brash world with your electric glare.

Back to my kerosene, my shadowed tallow candles,
Endless October and faint stars,
To my twisting streets and crooked lantern,
To my sacred scrolls and holy books,
To tough Talmudic riddles and lucid Yiddish speech,
To law, to duty, and to justice,
To what is deeply mine.
World, joyously I stride
Toward the quiet ghetto lights.

Good night, I give you in good measure
All my redeemers;
Take your Jesus Marxes; choke on their daring
Burst with each drop of our baptized blood.

And still I trust that though He tarry,
My waiting will spring newly day by day.
Green leaves again will rustle
On our withered tree.
I need no comforting.
I walk again my straight and narrow way:
From Wagner's heathen blare to Hebrew chant
And the hummed melody.

I kiss you, cankered Jewish life,
The joy of homecoming weeps in me.

*Marie Syrkin*

## מאָצאַרט

ס'האָט זיך מיר געחלומט,
גויים האָבן מאָצאַרטן געקרייציקט
און אים באַגראָבן אין אַן אייזל־קבֿר.
נאָר ייִדן האָבן אים געמאַכט פֿאַר גאָטס מענטש
און זײַן געדעכעניש געבענטשט.

זײַן אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפֿן
און באַקערט יעדער איינעם וואָס כ'האָב געטראָפֿן.
אומעטום ווּ כ'האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך אים געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט.

ווי ווּנדערלעך איז פֿון געטלעכן מענטש
זײַן מוזיקאַלישער טעסטאַמענט,
ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זײַנען זײַנע ליכטיקע הענט.
אין זײַן גרעסטער נויט,
האָבן בײַם געקרייציקטן זינגער
געלאַכט אַלע פֿינגער.
אין זײַן וויינענדיקסטן טרויער,
האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין
ליב געהאַט דעם שכנס אויער.

ווי אָרעם און ווי קאַרג,
אַנטקעגן מאָצאַרטס פֿאַרבלײַב,
איז די דרשה אויפֿן באַרג.



## MOZART

I dreamed that
the gentiles crucified Mozart
and buried him in a pauper's grave.
But the Jews made him a man of God
and blessed his memory.

I, his apostle, ran all over the world,
converting everyone I met,
and wherever I caught a Christian
I made him a Mozartian.

How wonderful is the musical testament
of this divine man!
How nailed through with song
his shining hands!
In his greatest need
all the fingers of this crucified
singer were laughing.
And in his most crying grief
he loved his neighbor's ear
more than himself.

How poor and stingy—
compared with Mozart's legacy—
is the Sermon on the Mount.

## Mozart

I dreamt that the goyim
crucified Mozart
and dug him a donkey's grave.
It was only the Jews
who made him a God-Man,
and kept his memory
blessed.

His apostle, I ran through the world
converting everyone in sight.
I snatched proselytes
all over; Christians for Mozart.

Marvel
at the Testament of Music
of the Man Divine:
his song-nailed hands
shine.
Crucified singer,
how his fingers go after
laughter
in deepest affliction.
Through dooms of tears
more than himself he loves
his neighbor's ears.

The Sermon on the Mount:
how stark,
how bereft,
when you count
what Mozart left.

*Cynthia Ozick*



## מאָצאַרט

ס׳האָט זיך מיר געחלומט,
גוֹיִים האָבן מאָצאַרטן געקרייציקט
און אים באַגראָבן אין אַן אייזל־קבֿר.
נאָר ייִדן האָבן אים געמאַכט פֿאַר גאָטס מענטש
און זײַן געדעכעניש געבענטשט.

זײַן אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפֿן
און באַקערט יעדער איינעם וואָס כ׳האָב געטראָפֿן.
אומעטום ווּ כ׳האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך אים געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט.

ווי ווּנדערלעך איז פֿון געטלעכן מענטש
זײַן מוזיקאַלישער טעסטאַמענט,
ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זײַנען זײַנע ליכטיקע הענט.
אין זײַן גרעסטער נויט,
האָבן בײַם געקרייציקטן זינגער
געלאַכט אַלע פֿינגער.
אין זײַן וויינענדיקסטן טרויער,
האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין
ליב געהאַט דעם שכנס אויער.

ווי אָרעם און ווי קאַרג,
אַנטקעגן מאָצאַרטס פֿאַרבלײַב,
איז די דרשה אויפֿן באַרג.

*This poem was written in response to the destruction of European Jewry. In challenging God it inverts many familiar passages and beliefs. The morning prayers open with the invocation, "How goodly are your tents, O Jacob, your habitations, O Israel!" (Numbers 24:5). According to the Kabbalistic doctrine of* Shevirat ha-kelim, *the divine light which flowed into primordial space should have been caught and held in special "bowls," or vessels, that emanated from God for this purpose. But the light broke forth too suddenly, and under its impact the vessels were broken and their fragments scattered into the depths of evil.*

## Without Jews

Without Jews, no Jewish God.
If, God forbid, we should quit
this world, Your poor tent's light
would out.
Abraham knew You in a cloud:
since then, You are the flame
of our face, the rays
our eyes blaze,
our likeness
whom we formed:
in every land and town
a stranger.
Shattered Jewish skulls,
shards of the divine,
smashed, shamed pots—
these were Your light-bearing vessels,
Your tangibles,
Your portents of miracle!
Now count these heads
by the millions of the dead.
Around You the stars go dark.
Our memory of You, obscured.
Soon Your reign will close.
Where Jews sowed,
a scorched waste.





## אָן ייִדן

אָן ייִדן וועט נישט זײַן קיין ייִדישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פֿון דער וועלט,
פֿאַרלעשט זיך דאָס ליכט פֿון דײַן אָרעם געצעלט.
זינט אַבֿרהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע ייִדישע פּנימער געברענט,
פֿון אַלע ייִדישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפֿורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער ייִדישער גאָט.
יעדער צעשמעטערטער ייִדישער קאָפּ
איז אַ פֿאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווײַל מיר זײַנען געווען דײַן ליכטיק געפֿעס,
דער וואָרצייכן פֿון דײַן ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס׳לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פֿון דיר ווערט פֿאַרטונקלט,
דײַן מלכות וועט באַלד אויפֿהערן.
דער ייִדישער פֿאַרזיי און פֿאַרפֿלאַנץ
איז פֿאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער ייִדישער חלום און ייִדישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אין איינעם.
ס׳שלאָפֿן עדות גאַנצע,

Dews weep
on dead grass.
The dream raped,
reality raped,
both blotted out.
Whole congregations sleep,
the babies, the women,
the young, the old.
Even Your pillars, Your rocks,
the tribe of Your saints,
sleep their dead
eternal sleep.

Who will dream You?
Remember You?
Deny You?
Yearn after You?
Who will flee You,
only to return
over a bridge of longing?

No end to night
for an extinguished people.
Heaven and earth wiped out.
Your tent void of light.
Flicker of the Jews' last hour.
Soon, Jewish God,
Your eclipse.

*Cynthia Ozick*

---

*"The tribe of Your saints"*: This recalls the legend of the *lamed vov tsadikim*, the thirty-six anonymous Just Men for the sake of whose great merit the world is preserved. (The Hebrew letters *lamed* and *vov* have the numerical equivalent of 36.)





עופּהלעך, פֿרויען,
יונגעלײַט און זקנים.
אַפֿילו דײַנע זײַלן, די פֿעלדזן,
די שטאַמיקע ל״ו,
שלאָפֿן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פֿאַרבענקטער בריק,
אַוועק פֿון דיר, כּדי צו קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פֿאַר אַ טויט פֿאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דײַן אָרעם געצעלט.
ס'פֿלעמלט די לעצטע ייִדישע שעה.
ייִדישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

## WITHOUT JEWS

Without Jews there is no Jewish God.
If we leave this world
The light will go out in your tent.
Since Abraham knew you in a cloud,
You have burned in every Jewish face,
You have glowed in every Jewish eye,
And we made you in our image.
In each city, each land,
The Jewish God
Was also a stranger.
A broken Jewish head
Is a fragment of divinity.
We, your radiant vessel,
A palpable sign of your miracle.

Now the lifeless skulls
Add up into millions.
The stars are going out around you.
The memory of you is dimming,
Your kingdom will soon be over.
Jewish seed and flower

Glatstein



Are embers.
The dew cries in the dead grass!

The Jewish dream and reality are ravished,
They die together.
Your witnesses are sleeping:
Infants, women,
Young men, old.
Even the Thirty-six,
Your saints, Pillars of your World,
Have fallen into a dead, an everlasting sleep.

Who will dream you?
Who will remember you?
Who deny you?
Who yearn for you?
Who, on a lonely bridge,
Will leave you—in order to return?

The night is endless when a race is dead.
Earth and heaven are wiped bare.
The light is fading in your shabby tent.
The Jewish hour is guttering.
Jewish God!
You are almost gone.

*Nathan Halper*

## *Sabbath*

In boyhood once I rated
one of my Sabbaths—an ordinary day,
and desecrated—against the hallowed way
my father kept his. Even then I knew
how mine sped like short Friday to
its end. My father's Sabbath waned
as if it had a year to spend.

His Sabbath rest gave full weight.
I profaned the day.
The more I broke it, the faster it fled.
Each boyish breach made it fly away.
My father sang, studied, prayed—
in a single Sabbath could fit so much!
Bliss lit him; his eyes would touch
my mother with new love.

In boyhood once I slipped like a shadow
after my father's Sabbath
with all its laws,
tunes, heartfelt limits, happy ways;
that Jewish rest wore me out.

---

*Great Assembly:* in Hebrew, the *kneset hagdola*, the Jewish judicial and administrative authority at the beginning of the Second Temple period, which introduced the classification of the Oral Law.

*Sabbath:* Short Friday is the Friday closest to December 21, when all preparations for Sabbath must be completed in the shortest number of daylight hours.





## שבת

כ׳האָב אַ מאָל ייִנגלווײַז געמאָסטן
מײַנעם אַ פֿאַרשוועכטן שבת
ווי אַ וואָכנטאָג אַ פּראָסטן
אַנטקעגן מײַן טאַטנס שבת —
געהייליקט און אָפּגעהיט.
ס׳איז מיר נאָך דעמאָלט געווען קלאָר,
אַז מײַן שבת ווי אַ קורצער־פֿרײַטיק פֿאַרפֿליט.
דעם טאַטנס אַ שבת איז געווען געלעבטער פֿון מײַנס אַ יאָר.

ווײַל די שבת־רו זײַנע איז געווען אַ פֿולע לאַסט לעבן.
וויפֿל חילול כ׳האָב נישט אין מײַן שבת אַרײַנגעגעבן,
איז דער טאָג אויף זײַן פֿאַרשוועכונג פֿאַרפֿלויגן.
יעדער ייִנגלישער אָפּטו מײַנער האָט דעם שבת מקצר־יום געווען.
מײַן טאַטע האָט אין אַן איינציקן שבת אַזוי פֿיל ליכטיקן תּענוג געזען,
געדאַוונט, געלערנט, געזונגען,
ליב געהאַט די מאַמע מיט פֿרישע אויגן.

כ׳בין אַ מאָל ייִנגלווײַז נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן
מײַן טאַטנס אַ שבת מיט אַלע זײַנע געבאָטן.
האָט מיך דער זינגענדיקער שבת־ייִד
מיט זײַן שטאַמיקער רו אײַנגעמידט,
מיט זײַנע פֿריידיקע מעשׂים, האַרציקע שטראָפֿן.

Bit by bit, the daze and maze of it
made me numb.
I dropped and slept. In a dream
a silver horn called, with no one blowing.
Instantly my father took off his everyday clothing.
Over him, like a silken morning gown,
Sabbath fell.

Far away he sat, under a glowing sun,
out of reach. The Sabbath was long
as Lublin. The sun would not set
till my father gave a sign,
in song.
Then it went down.

*Cynthia Ozick*



ביסלעכווײַז זענען מיר אָפגענומען געוואָרן אַלע חושים.
כ׳בין אַוועקגעפֿאַלן און אײַנגעשלאָפֿן.
מיר האָט זיך געחלומט
אַ זילבערנער טרומייטער האָט פֿון זיך אַליין גענומען שאַלן.
דער טאַטע האָט גלײַך אויסגעטאָן אַלע פרנסה־מלבושים.
דער שבת איז אויף אים
ווי אַ זײַדענער שלאָפֿראָק אַרויפֿגעפֿאַלן.

ווײַט פֿון מיר, אונטער אַ ברענענדיקער זון,
איז ער געזעסן און כ׳האָב צו אים אַהין
נישט געקענט דערגרייכן.
דער שבת איז געווען לאַנג ווי גאַנץ לובלין.
די זון איז נישט פֿאַרגאַנגען,
ביז דער טאַטע האָט נישט געגעבן
אַ זינגענדיקן צייכן.